# תורת אביגדור

משיעורי הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל



פרשת דברים

## ברודערליכע ליבשאפט צו כלל ישראל

### עשו איז אונזער ברודער פאר אייביג

**ביים** סוף פון די פערציג יאר וואס די אידן זענען געווען אין מדבר, ווען כלל ישראל איז אדורכגעגאנגען די לאנד אדום, די לאנד פון די בני עשו, האט דער אויבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, **'אתם עוברים בגבול אחיכם בני עשו'**, עטץ גייטס אריבער די גרעניץ פון 'ענקערע ברודערס' די קינדער פון עשו. און אויב דאס איז נישט גענוג, אפאר פסוקים שפעטער ווערט דאס איבערגע'חזר'ט, **'ונעבור מאת אחינו בני עשו'**, מיר זענען אריבערגעגאנגען 'אונזערע ברודערס' די קינדער פון עשו. דער אויבערשטער באציהט זיך צו די פאלק אדום, אלס 'אונזערע ברידערס'!

ווען מיר זענען געשטאנען ביים גרעניץ פון אדום, איז שוין געווען הונדערטער יארן נאכדעם וואס עשו האט זיך אפגעשאקלט פון יעקב, צוויי הונדערט און זיבעציג יאר אן קיין שום פארבינדונג צווישן די צוויי פאמיליעס! זיי האבן שוין גארנישט געהאט קיין איינער מיטן צווייטן, אויסער ווייטע אור-עלטערן, און דאך דערמאנט אונז דער אויבערשער, איינמאל און נאכאמאל, אז די בני עשו זענען אונזערע ברודער.

אויב מיר ווילן נאך מיינען אז דאס איז בלויז א ווערט פון רעדן, און אז עס איז בלויז ווי ארויפצוברענגען אויפן געדאנק א אלטע פארבינדונג, זאגט אונז אבער די תורה אין פרשת כי תצא, אז דאס מיינט מען אויף 'למעשה', דער אויבערשטער זאגט אונז אז דאס איז אן 'הלכה למעשה!' דער אויבערשטער באפעלט אונז, **'לא תתעב אדומי כי אחיך הוא'**, זאלסט נישט דערווייטערן די אדומיים, די בני עשו, 'ווייל ער איז דיין ברידער', זיי געווארנט מיט דיינע ברודערס, קריג זיך נישט מיט זיי, און פארוואס זאלסטו דאס נישט טוהן?! 'כי אחיך הוא', ווייל ער איז דיין ברודער. דער אויבערשטער זאגט דאס נישט איבער אנדערע פעלקער.

שטעלט זיך זייער א הארבע פראגע... איז ער דען אונזער ברודער?! צו קען דען אזא מין "ברודערליכקייט" ווערן אנגערופן ברודער?! אזויווי מיר געדענקען אלע,

איז עשו גאר נישט געווען אזא גוטע ברודער, ער איז געווען א סכנה און א געפאר פאר יעקב, און יעקב האט נישט געוואלט זיך באפריינדן מיט עשו, ער איז געווען פרייליך ווען עס איז אים געלונגען צו אפשאקלען דעם עשו פון זיך. און ווען עשו האט זיך אוועקגעצויגן פון ארץ כנען האט יעקב ענדליך פריי אפגעאטעמט, ער האט זיך בארואיגט פון זיין שרעק.

און יעצט, הונדערטער יאר נאכדעם, ווען עשו איז שוין לאנג געשטארבן, און זיינע נאכפאלגער, זיינע אייניקלעך אין לאנד אדום זענען שוין אינגאנצן דערווייטערט, זיי אידענטעפיצירן זיך שוין לאנג מיט די גאנצע משפחה פון יעקב, די אידישע קינדער. זיי האבן שוין לאנג נישט קיין ברודערליכע געפילן צו די אידישע קינדער, אבער די תורה זאגט אונז אן, אז מיר זאלן באטראכטן די אייניקלעך פון עשו, אלס אונזערע ברודער, געדענקט אז זיי זענען דיינע בלוט-ברודערס, און מיר דארפן זיך באציהען צו זיי ווי צו ברודערס!!

## וועסטו איינלאדענען דיין פערטע קאזין?

**עס** איז נישט גרינג צו שפירן א ברידערליכע פארבינדונג, אפילו צו גוטע משפחה ברודערס וואס לעבן נישט אינאיינעם פאר צוויי הונדערט און זיבעציג יאר, וועסטו זיך פארענטפערן אז ער איז ביי דיר בלויז ווי דיין פערטע קאזין, דו וואלסט אים מסתמא אפילו נישט איינגעלאדנט צו דיין טאכטער'ס חתונה, אפילו אויב איר ביידע זענט ערליכע אידן, אבער וויבאלד עס איז אזוי דערווייטערט די משפחה פארבינדונג איינער מיטן צווייטן, שפירט מען עס נישט. אפילו היינט ווען מיר טרעפן איינעם וואס קומט פון די זעלבע משפחהווארצל, עס קען אפשר זיין אינטערעסאנט, עס קען אויפוועקן די נייגער, אבער עס קומט נישט אריין אין די מחשבות אז מיר זענען זענען בלוט-ברודערס, און מיר דארפן שפירן א ליבשאפט איינער צום אנדערן.

יעצט לערנען מיר אין די פרשה, וואס עס מיינט צו זיין 'א ברודער', און מיר וועלן פונדאסניי איבערטראכטן אונזער באציהונגען צו אונזערע אידישע ברודערס, אונזערע בלוט-ברודערס, נישט קיין חילוק ווי ווייט זיי זענען פון אונז, און נישט קיין חילוק ווי שטארק מיר שפירן זיך אפגעטיילט פון זיי. די תורה זאגט אונז די וועגן וויאזוי צו טראכטן, און אויב א סארט ברודער, א ברודער וואס מיר זענען פריילעך צו ווערן פטור פון אים, ווערט נאכאלץ באטראכט אלס א ברודער, נאך אזויפיל דורות שפעטער, איז דאך א קל וחומר בן בנו של קל וחומר, א זיכערע און קלארע זאך, אז מיר דארפן באטראכטן אלס ברודערס, די ערליכע גוטע אידן, אייניקלעך פון יעקב אבינו. מיר דארפן שפירן ברודערליכע געפילן צו 'אלע אונזערע ערליכע גוטע אידן'.

## הלל הזקן'ס קירוב ארבעט

**און** עס איז נישט גענוג צו בלויז צו האבן גוטע געפילן פון ברודערשאפט. מיר אלע געדענקען די מעשה פון די גר צדק וואס איז געקומען צו הלל הזקן, און ער האט פארלאנגט צו

לערנען די גאנצע תורה ווילאנג ער שטייט אויף איין פוס. הלל הזקן האט אים געענטפערט, "יא, הייב אויף דיין פיס און מיר הייבן אן צו לערנען", הלל הזקן האט אם דעמאלטס געזאגט די קומענדיגע ווערטער, **'מאי דעלך סאני לחברך לא תעביד'**, וואס דו ווילסט מען זאל טוהן פאר דיר, טוה דאס נישט פאר א צווייטן, האב ליב אלע אנדערע אידן, **'זו כל התורה כולה, ואידך פירושא זיל גמור'**, די איבריגע גאנצע תורה איז בלויז א ערקלערונג אויף די מצוה פון ליב האבן יעדן איד, יעצט גיי לערן די איבריגע תורה, ווייל די גאנצע תורה ליגט אויף די יסוד פון ליב האבן א צווייטן איד.

ווען א מענטש הערט די מעשה, טראכט ער אז דאס איז געווען א געלונגענע קונץ, הלל הזקן האט געוואלט איבעררעדן דעם גר, און דערפאר האט ער אים געגעבן א גרינגע מצוה, וואס דאס וועט אים שוין אריינברענגען צו אלעס עפעס אנדערש. אבער מיר ווייסן אז דאס איז נישט אזוי, הלל הזקן איז נישט געווען די ראבינער פונעם רעפארמער 'אהבת ישראל' טעמפל, וואו מען דארף בלויז ליב האבן יעדן איינעם און באצאלן מעמבערשיפ, נאר ווען ער האט דאס געזאגט, האט ער דאס געמיינט מיט אן אמת, אז דער גאנצער תורה ליגט טאקע אויף דעם יסוד.

הלל הזקן האט נישט געזאגט פאר דעם גר דאס וואס 'מיר' וואלטן אים געזאגט, ער האט אים נישט געזאגט די ערשטע און פונדאמענטאלסטע באפעל פון 'אנכי ה' אלקיך', וואס דאס איז די מערסטע וויכטיג. ניין, ער האט דאס נישט געזאגט פאר דעם גר, הלל האט ענדערש אויסגעקליבן צו זאגן פאר אים אז די יסוד פון ערליכקייט, די וויכטיגסטע זאך צו אנקומען צום שלימות, איז די מצוה פון **"ואהבת לרעך כמוך"**. דאס איז איינס פון די מערסט וויכטיגסטע זאכן אין לעבן, צו אייגנהאנדלען א געפיל פון ליבשאפט צו כלל ישראל, נישט קוקענדיג אויף די פולע צווישנשיידן עס איז דא אין די אלע טיילן פון כלל ישראל. די ליבשאפט צו יעדן איד, איז פון די הויפט יסודות פון די תורה, די ירושלמי זאגט, אז דאס איז א 'כלל גדול בתורה', א יסוד וואס ענטהאלט אין זיך אלע יסודות פון די תורה.

דאס איז נישט בלויז א שיינע זאך, א גוטע מדה, צו ליב האבן אלע ערליכע אידן. דאס איז א יסוד אין עבודת השם, ווייל עס איז נישט דא עפעס וויכטיגער אויף די וועלט ווי א איד, עס איז נישט דאס עפעס אין די וועלט וואס דער אויבערשטער האט ליב מער ווי די קינדער פון אברהם יצחק און יעקב, און דערפאר, ווי מער מען בויעט אויף ביי זיך אין קאפ, א ליבשאפט צו א יעדן איד, ווערט מען אלס מער צוגעגליכן צום אויבערשטן, ווי מער מען האט ליב א איד, און ווי מער אידן מען האט ליב, אלס מער גייט מען דערמיט אין די גלייכע וועגן פונעם אויבערשטן.

## אהבת עקזימאס

**די** ערשטע זאך וואס מיר דארפן פארשטיין איז, אז ווען מען רעדט פון ליב האבן אידישע קינדער, מיינט דאס נישט בלויז די זעלבע סארט ליבשאפט וואס די אפריקאנער למשל האבן צווישן זיך איינער צום אנדערן, די 'הוטוס' זענען אויך פארפליכטעט צו ליב האבן

די מענטשן פון זייער פאלק, דער אויבערשטער פארלאנגט אויך פון יעדן 'עקסימא' צו ליב האבן יעדן אנדערע 'עקסימא'.

ווען א מענטש הערט דאס, קען דאס אויסזעהן פאר אים אומפארשטענדליך, אבער דאס איז ווייל מיר טראכטן נישט לויט די בליק וואס די תורה לערנט אונז. דאס איז די פשוט'סטע פארעם פון ליבשאפט, וואס ווערט פארלאנגט פון די זולוס און פון די איירישע פעלקער אויך, און אלע וואס רופן זיך 'מעקדאגעל' דארפן זיך ליב האבן, ווייל זיי קומען פון איין מענטש. עס איז זייער ווייט, אפשר פינף הונדערט יאר, אבער עס איז נישט קיין חילוק, ער איז דיין ברודער.

אבער יעצט רעדן מיר נישט מיט קיין מענטשן פון קאנגא וואס מוז ליב האבן די מענטשן פון זיין פאלק און פון זיין לאנד, מיר רעדן יעצט צו אידן, און מיר דארפן וויסן אז מיר זענען אויך ברודער'ס, מיר האבן אונזער אייגענע פאלק מיט וועמען מיר דארפן זיך באציען ווי ברודערס.

## אידן זענען אייניג מיט מער ווי די.ען.עי.

**און** ווען מיר רעדן פון אידישע קינדער, קומט צו גאר אן אנדערע פארלאנג, א גאר גרויסע נייע בליק ליגט אין דיווארט 'אחיך', אסאך מער ווי ביי סיי וועלכע אנדערע פאלק. ווייל דא רעדט מען נישט פון בלויז ברודער'ס אזוויי עשו וואס איז פארבינדן בלויז מיט די בלוט, מיט די די.ען.עי. א ערליכע איד איז א ברודער וואס טראגט דעם נאמען 'עמיתך', דיין חבר, דאס מיינט אז ער איז אזוויי דיר מיט תורה און מצוות. חז"ל זאגן אונז, אז די ווארט 'אחיך' מיינט, דיין ברודער מיט מצוות, עס איז נישט בלויז א ברודער פון די זעלבע אפשטאם, ער איז א ברודער מיט די זעלבע געדאנקענגאנג! א ברודער מיט די זעלבע תורה'דיגע בליק, ער איז דיין ברודער אינעם זעלבן הייליגן מיליטער פונעם באשעפער!

אהא! יעצט רעדן מיר ווערטער! ווייל כאטש וואס מיר האבן פארשידענע אנדערשקייטן, מיר לעבן זיך אונזער אייגן לעבן, בלייבט עס אבער נאכאלץ די באהעפטונג פון דינען דעם אויבערשטן, דאס בינדט אונז צוזאם מיט אונזער ברודערשאפט. דאס איז מער ווי א בלוט פארבינדונג, דאס איז א אמת'דיגע פארבינדונג, עפעס וואס בינדט אונז אינגאנצן צוזאם. נישט קיין חילוק וואו דו ביסט, דו קענסט זיין א איד אין אוסטראליע, א סאטמארער אין וויליאמסבורג, אדער א איד אין תל אביב, מיר זענען אלע דא אויף דער וועלט פאר איין ציהל, צו דינען דעם אויבערשטן.

איך רעדט נישט פון דעם איזראעלי פון תל אביב, וואס טראגט אויעררינגלעך, עטס ווייסט, אז צו זיין אן איזראעלי היינטיגע צייטן, דארף מען אנטוהן אויעררינגלעך... אבער מיר רעדן נישט פון אים, מיר רעדן יעצט פון עובדי השם, די וואס ווייסן פארוואס זיי זענען געקומען אויף דער וועלט, די מענטשן וואס ווייסן זייער ציהל. ווען מיר שפירן אז מיר אלע שלאגן זיך אינאיינעם פאר די זעלבע זאך, צו דינען דעם

אויבערשטן, מיר אלע מארשירן צוזאמען אינעם זעלבן מיליטער, איז אסאך גרינגער צו ליב האבן א צווייטן איד, וויפיל מער ליבשאפט דארף מען האבן צו אזעלכע ברודערס וואס מען איז איינשטימיג מיט אים אויף די זעלבע מיינונג?!

## עבודת השם באהעפט די קהלות

**א** משפחה מיט אסאך ברודערס, נישט קיין חילוק וואו ווייט זיי וואוינען, און מיט וואס זיי באשעפטיגן זיך, זענען זיי אבער צוזאמגענומען און געטריי צו זייער פאמיליע. און די זעלבע איז מיט כלל ישראל, מיר זענען איין משפחה, און מיר זענען צוזאמגענומען צו דינען דעם אויבערשטן. עס איז נישט קיין חילוק אויב איר זענט א סירישער איד אדער א פוילישער איד, א איד פון מאראקא אדער פון דייטשלאנד, קענסט זיין א חסיד פון וויליאמסבורג אדער א ליטוואק, עס איז נישט קיין חילוק אין וועלכע קהלה איר באלאנגט, זאל זיין די דיפרענצן וואס עס זאל נאר זיין, די באהעפטונג פון עבודת השם איז א שטערקערע קניפ ווי סיי וואספארא אנדערע דיפרענצן צווישן די קהלות. עס איז נישט קיין חילוק אויב דאס איז די סאטמארע קהלה אדער די באבובע קהלה אדער סיי וועלכע אנדערע קהלה פונעם כלל ישראל, מיר אלע האבן דעם זעלבן ציהל, צו דינען דעם אויבערשטן, און מיר זענען אלע צוזאמען איין גרויסע קהלה פונעם אויבערשטן. מיר אלע, די אידן פון די גאנצע וועלט, זענען מיר איין גרויסע קהלה, וואס איז דא פאר איין ציהל, צו דינען דעם אויבערשטן, אונזער פאטער.

טראכט דערפון: יעדע איד, נישט קיין חילוק וואו ער איז, נישט קיין חילוק אויב ער איז א ספרדי אדער אן אשכנזי, לייגט ער תפילין יעדן טאג, ער גרייט זיך צום שבת יעדן פרייטאג נאכמיטאג, סוכות עסן מיר אלע אין די סוכה, און מיר אלע עסן מצות פסח ביינאכט. איבער די גאנצע וועלט ווערן אנגעצינדן מנורות אין די נעכט פון חנוכה. דריי מאל א טאג, איבער די גאנצע וועלט, קומט מען זיך צוזאם אין די בתי מדרשים און די שוהלן צו דאווענען צום באשעפער, און די משלים זענען ענדלאז. שפירט מען דען נישט די אויסטערלישע געפיל פון ברודערשאפט, ווען מען ווייסט אז אין די גאנצע וועלט טוהן די אנדערע אידן די זעלבע זאך ווי איך, יעדער איינער גייט יעצט טוהן די זעלבע מצוות, צו דינען דעם אויבערשטן?! דאס איז וואס בינדט אונז צוזאם אלס ברודער׳ס, מער ווי אנדערע פעלקער מיט זייערע אפשטאמיגע.

# הדפסה והפצה

**זכות הפצת 1,000 גליונות**

**ר' משה קליין הי"ו**

**זכות הפצת 500 גליונות**

**ר' דוד גפני הי"ו**

**פאר בלויז 100$ קענען מיר דרוקען און מפיץ זיין 1,000 גליונות!**


פארבינדט אייך: 347.755.8860

info@torasavigdor.org

## מפרסמין עושי מצוה

התודה והברכה

להנדיב הנכבד

**הרוצה בעילום שמו**

על שנדב מהדורת

# אחת שאלתי

אשר בזכותו זכינו לתרגם

# תורת אביגדור

באידיש

ישלם ה' פעלו ויהי משכורתו מן השמים

להשפיע עליו ועל ביתו מכל טוב וטוב מרוב

נחת דקדושה עד בלי די

# ליב האבן א צווייטן איד אינטער אלע אומשטענדן

## שאלה:

**איך בין געשעדיגט געווארן דורך א איד אויף א געוויסע וועג, צו בין איך נאכאלץ פארפליכטעט צו ליב האבן דעם איד פונקט ווי פארדעם...?!**

## תשובה:

**אפילו** אויב איינער איז געשעדיגט געווארן דורך א צווייטע איד אויף סיי וועלכע וועג, מוז אבער די ליבשאפט וואס מען דארף האבן צו א צווייטן איד ווייטער אנהאלטן אויפן זעלבן שטארקן פארנעם ווי פארדעם אן קיין שום פארענדערונג. און דאס איז צוליב דעם וואס די "מעסטער-שטעקן" צו מעסטן וויאזוי צו ליבן און ווען צו ליב האבן, איז נישט אונזערע געפילן און אינסטינקט, אונזער "מעסטער-שטעקן" פאר ליבשאפט צו א צווייטן איד, איז די ווערטער פונעם אויבערשטן וואס ער הייסט אונז ליב האבן א יעדן איד אפי' אזא איינעם דורך וועם מיר זענען געשעדיגט געווארן.

**געוויס** איז א מענטש בארעכטיגט צו רופן א צווייטן איד צו "דין תורה", און אין געוויסע פעלער געבט אים די תורה א רעכט צו אויספירן די געזעץ אויף די אייגענע האנט, א שטייגער ווי מיר טרעפן "עביד איניש דינא לנפשיה". און א מענטש איז בארעכטיגט צו זאגן פאר א צווייטן איד וואס ער האט געטוהן נישט ריכטיג, ווייל די תורה זאגט "לא תשנא את אחיך בלבבך", זאלסט נישט פיינט האבן א צווייטן איד אין דיין הארץ, און דער הייליגער רמב"ם איז דאס מסביר אז מען זאל נישט זיין דערביטערט ביי זיך אין הארץ, נאר מען זאל דאס זאגן פאר די חבר, און אזוי וועלן זיך זאכן אויסארבעטן און מ'וועט זיך קענען דורכקומען און אויסגראדן.

**שאלות און תשובות**
מיט
**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

**צוליב** דעם, אויב איינער האט געטוהן נישט ריכטיג פאר דיר, איז ער נאכנישט געווארן פסול, און מען איז נאכאלץ מחויב אים צו ליב האבן. נאר ווען ער איז נישט 'רעך במצוות', ווען ער היט ליידער נישט קיין תורה און מצוות, נאר דעמאלטס איז נישט דא די מצווה אים צו ליב האבן. אבער אויב די מענטש היט געוועהנליך די תורה און די מצוות, דאן איז נישט קיין חילוק וואס ער האט געטוהן פאר דיר, ביזט נאכאלץ מחויב און פארפליכטעט אים צו ליב האבן.

**איך** פארשטיי אז דאס איז נישט קיין גרינגע זאך צו טוהן, אבער דאס איז די חוק התורה, דאס איז וואס די תורה פארלאנגט פון אונז, ואהבת לרעך כמוך, זה כלל גדול בתורה!

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות